

# ברוך הבא אין ביבליאָטעק

”מען לערנט צו פֿאַרשטיין מיט ווערטער
מען לערנט צו קלאָר מאַכן
און די ווערטער העלפֿן אונדז צו לעבן צוזאַמען“

[בענגט-עריק העדין]

אַ קינד וואָס האָט געהערט שוין פֿרי אין לעבן מעשׂיות און געשיכטעס וועט קריגן אַ רײַכע שפּראַך. צו לייענען הויך פֿאַר זײַן קינד, איז אַ וועג צו אַנטוויקלען די שפּראַך און די פֿאַנטאַזיע פֿון דעם קינד.

דו קענסט העלפֿן דײַן קינד צו אַ רײַכע שפּראַך דורך צוהערן און רעדן מיט דײַן קינד. אַלץ וואָס איר מאַכט צוזאַמען וועט העלפֿן דײַן קינד קריגן אַ גוטע שפּראַך. לייען, זינג, דערצייל, דערקלער, שפּיל מיט דעם קינד! טו דאָס זייער פֿרי, פֿון דעם ערשטן מאָמענט, ווײַל אין דער ערשטער צײַט וועט דער גרונט פֿון דער שפּראַך געלייגט.

רייד מיט דײַן קינד אין דײַן אייגענער שפּראַך. אויב דאָס קינד קריגט אַ רײַכע אייגענע שפּראַך וועט עס ווערן גרינגער אויסלערנען זיך אַנדערע שפּראַכן.

אין ביבליאָטעק זײַנען פֿאַראַן ביכער פֿאַר ייִנגערע און עלטערע קינדער. דאָרטן זײַנען פֿאַראַן ביכער ווו מען ווײַזט די קלענסטע קינדער, ביכער מיט בילדער, ביכער מיט גראַמען, ביכער מיט פּאָעזיע, ביכער מיט פֿאַקטן, ביכער מיט מעשׂיות און דערציילונגען.

אין ביבליאָטעק זײַנען פֿאַראַן ביכער פֿאַר אַלע עלטערגרופּעס און אין אַ סך שפּראַכן. מיר פֿרייען זיך דיר צו העלפֿן געפֿינען וואָס דו זוכסט און ס׳איז פֿרײַ צו באָרגן.

די ביבליאָטעק האָט אויך ביכער פֿאַר דער-וואַקסענע וועגן קינדערקראַנקייטן, קינדער-פּסיכאָלאָגיע, און וועגן האָדעווען פֿון קינדער און אַזוי ווײַטער. די ביבליאָטעק האָט ביכער אין אַ סך שפּראַכן, אי פֿאַר קינדער, אי פֿאַר דער-וואַקסענע.

ברוך הבא!






ILLUSTRATIONER: MARGARETA NORDQVIST